יאנואר 11, 1946

מר. זעלדין
„דער טאג"
183 א. בראדוויי
ניו יארק, נ.י.

מיין טייערער פריינט זעלדין:

עס טוט מיר הארציק לייד, וואס איך האב ניט געקענט קומען היינט צוויי אזייגער און וויל אייך בעטן טויזנט מאל אנטשולדיקונג פאר דעם וואס איר האט געדארפט ווארטן. דער אמת איז, אז איך בין געווען זיכער, אז איך וועל קענען צוריקקומען צוויי אזייגער און עס האט זיך אבער אויסגעלאזט אז איך בין געווען אין א פלאץ פון וועלכן איך האב אפילו ניט געקענט טעלעפאנירן אייך.

איצט איז די פראגע ווען מיר קאנען זיך טרעפן. איך וואלט פארגעשלאגן מאנטיק צווישן 10 און 11 אזייגער אינדערפרי. אויב ניט, איז 4.30 ביטאג גוט. איך וואלט אייך אבער געבעטן איר זאלט מיך אפרופן פריער.

נאך אמאל, אנטשולדיקט,

מיט גרוס

ר. זאלצמאן

אג
יאפווא-1